**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/1/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט געציהלטע אינפארסירונג זיך צו באנעמען מיט 'גייסט קארן'**

***ניו יארק סטעיט פאליציי מאכן א שותפות מיט סטעיט און לאקאלע אגענטורן צו פארמערן פאטראלן, אויפכאפן שווינדלערישע לייסענס פלעיטס און ציהלן אויף אגרעסיווע דרייווערס וועלכע פארלעצן דעם 'רוק זיך אריבער' געזעץ***

***'Plate Check אפעראציע' אינפארסירונג אפעראציע פון שבת, מאי 2 ביז שבת, מאי 9***

גאווערנער Hochul (האקול) האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט פאליציי ( New York State Police) און אנדערע סטעיט אגענטורן, אריינרעכענענדיג די דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles, DMV) און טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority), גייען אריין אין א שותפות מיט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג זיך צו באנעמען מיט לייסענס פלעיט שווינדלעריי און געפארפולע דרייווען אויפפירונגען. די איין-וואך-לאנגע 'אפעראציע Plate Check' אינפארסירונג אפעראציע הויבט זיך אן שבת, מאי 2 און זעצט פאר ביז שבת, מאי 9.

"דרייווערס וועלכע נוצן פאלשע אדער ארומגעשפילטע לייסענס פלעיטס כדי זיך צו ארויסדרייען פון טאל אדער געזעץ אינפארסירונג ווערן געווארנט — מיר נעמען די פארברעך גאר ערנסט און איר וועט געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די למעשה'דיגע ציהלן פון די אינפארסירונג תקופה זענען זיכערהייט און דאס זיכער מאכן אז די וועלכע נוצן אונזערע הייוועיס, בריקן און טונעלן באצאלן זייער יושר'דיגע טייל."

אין לויף פון די פארגאנגענע עטליכע יאר, האבן געזעץ אינפארסירונג באמערקט אן אויפשטייג אין די באנוץ מיט פאלשע לייסענס פלעיטס און שווינדלערישע צייטווייליגע פאפירענע 'טעגס' דורך דרייווערס וועלכע טוהען בדווקא איבערדעקן, פארשטעלן און זיך ארומשפילן מיט לייסענס פלעיטס כדי צו אויסמיידן טראפיק אינפארסירונג קאמעראס, לייסענס פלעיט סקענערס און טאלס.

דורכאויס די היי-יאריגע אינפארסירונג תקופה, וועט די סטעיט פאליציי צולייגן מער פאטראלן קאנצענטרירט אויף צו אידענטיפיצירן שווינדלערישע לייסענס פלעיטס און ציהלן אויף אגרעסיווע דרייווערס און די וועלכע פארלעצן די סטעיט'ס 'רוק זיך אריבער' געזעץ (Move Over Law). טרופערס וועלן אויך ארבעטן צוזאמען אויף געמיינזאמע לייסענס פלעיט אינפארסירונג אפעראציעס מיט די DMV און אנדערע סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג שותפים.

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט, Steven G. James (סטיווען ג. דזשעימס), האט געזאגט,** "זיך ארומשפילן מיט-, באהאלטן אדער נוצן פאלשע אדער שווינדלערישע לייסענס פלעיטס איז א פרואוו צו במזיד זיך ארויסדרייען פון פאראנטווארטליכקייטן אויף אונזערע שאסייען. די פארלעצונגען זענען נישט נאר אן ענין פון זיך ארויסדרייען פון צאלן טאל, נאר זיי קענען אויך שטערן געזעץ אינפארסירונג און שטעלן די זיכערהייט פון די פובליקום אין געפאר. איך וויל באדאנקען גאווערנער

Hochul (האקול) פאר איר שטיצע און אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים פאר זייערע באמיאונגען צו האלטן פאראנטווארטליך די וועלכע באגייען די אומגעזעצליכע אקטן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס צייטווייליגע קאמישאנער, Christian Jackstadt (קריסטשיען דזשעקסטאַדט), האט געזאגט,** "מיר טיילן מיט גאווערנער Hochul (האקול)'ס פריאריטעט אז ניו יארק'ס שאסייען מוזן זיין זיכער פאר יעדן איינעם. מיר ווייסן אז צופיל מענטשן פרובירן נאכאלץ צו נוצן געפעלשטע אדער אנדערש ארומגעשפילטע פלעיטס כדי זיך צו ארויסדרייען פון צאלן טאל אדער צו באגיין א פארברעך, מיינענדיג אז זיי קענען אזוי טוהן אן קיינע קאנסעקווענצן, און איך אפלאדיר די פירערשאפט פון די גאווערנער און די באמיאונגען פון אונזערע DMV איינגעשטעלטע און געזעץ אינפארסירונג שותפים אין די אנגייענדע צוזאמענארבעט צו ארויפבויען אויף דאס פארשטערקערן די זיכערהייט פון די פובליקום אין ניו יארק."

**טרו-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Frank G. Hoare (פרענק ג. האור), האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט טרו-וועי איז א סיסטעם וואס ווערט אויסגעהאלטן דורך אירע באניצער, מיט טאל איינקונפטן זייענדיג אומגעפער 90 פראצענט פון די מיטלען וואס זענען נויטיג צו אפערירן, אויפהאלטן און פארבעסערן אונזער 570-מייל-לאנגע 'סופער-הייוועי'. די למעשה'דיגע ציהל פון 'אפעראציע Plate Check' איז צו אויפקלערן דרייווערס און זיכער מאכן אז יעדער איינער וואס פארט אויף די טרו-וועי באצאלט זייער יושר'דיגע טייל. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פירערשאפט, צוזאמען מיט אונזערע שותפים אין די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס און די ניו יארק סטעיט פאליציי, פארן העלפן דערמאנען דרייווערס איבער זייער פאראנטווארטליכקייט צו קלארערהייט ארויסשטעלן לייסענס פלעיטס און באצאלן די טאלס וואס האלטן די טרו-וועי זיכער, פארלעסליך און אפּאַרדעבעל."

דורכאויס לעצטע יאר'ס אינפארסירונג אפעראציע האט די סטעיט פאליציי ארויסגעגעבן 3,308 טיקעטס פאר לייסענס פלעיט פארלעצונגען — א 250 פראצענטיגע העכערונג ארויף פון די 945 טיקעטס ארויסגעגעבן אין 2024. טיקעטס געגעבן פאר סוספענדירטע רעגיסטראציעס זענען ארויף מיט 57 פראצענט, מיט 83 געגעבן אין 2025 אין פארגלייך צו 53 געגעבן אין 2024.

אין צוגאב צו די טיקעטס וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן, האט די 2025 'אפעראציע Plate Check' געפירט צו דאס צוריקבאקומען 14 געגנב'עטע קארן.

סיי וועלכע דרייווערס מיט שיילנדע און געשעדיגטע לייסענס פלעיטס ווערן געמוטיגט צו באזוכן די DMV וועבזייטל וואו דעטאלירטע אנווייזונגען פאר ערזעצונג פלעיטס זענען אויסגערעכנט: .https://dmv.ny.gov/plates/peeling-and-damaged-license-plates

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן